**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/10/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט קאנסטרוקציע אויף א 9.5 ביליאן דאלערדיגן נייעם ׳טערמינאל איינס׳ביי דזשעי-עף-קעי עירפארט וועט זיך אנהייבן דעם זומער אזוי ווי די לעצטע פארברייטערונגען פון דעם פראיעקט ווערן געשטעלט אין פלאץ

***פינאנציעל שליסונג היינט צייכנט אפ באוויליגונג פון פאדערן פינאנצירונג אראנזשירונגען פאר ערשטע פאזע פון דעם פראיעקט***

***ליעס באשטעטיגט דורכ׳ן פארט אויטאריטעט באָורד פון קאמיסיאנערן אין דעצעמבער***

***נייע ׳טערמינאל איינס׳ באקומט ענדגילטיגע באוויליגונג פון דער פעדעראלער אוויאציע אדמיניסטראציע***

***פארט אויטאריטעט באָורד פון קאמיסיאנערן באשטעטיגט א נייע הויפט אינוועסטירער אין דעם נייעם ׳טערמינאל איינס׳***

***וועט זיין דער גרעסטער טערמינאל ביי דזשעי-עף-קעי עירפארט ביים פערטיגן, און וועט שאפן 10,000 דזשאבס, אריינגערעכנט 6,000 קאנסטרוקציע דזשאָבס***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז קאנסטרוקציע אויף א 9.5 ביליאן דאלערדיגע, ערשטראנקיגע נייע ׳טערמינאל איינס׳ ביי דזשעי-עף-קעי אינטערנאציאנאלע עירפארט וועט פאראויס גיין דעם זומער איצט אז די פינאנציעלע און ענווייראנמענטאלע באוויליגונגען זענען שוין פארזיכערט, אריינגערעכנט די היינטיגע פינאנציעלע שליסונג פאר דער ערשטער פאזע פון דעם פראיעקט.

״די קאנסטרוקציע פון דעם נייעם טעכנאלאגיש פארגעשריטענע טערמינאל ביי דזשעי-עף-קעי איז דער שליסל צו אונזער בליק פאר א נייע עפאכע אין ניו יארק,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער טראנספארמירנדער פראיעקט גייט פאראויס אין פולן קראפט און ווען פערטיג וועט צושטעלן פאר א פאסאזשיר דורכלעבעניש וואס סערווירט אלס א מוסטער פאר די אומפארגלייכבארע פאטענציעל פון ניו יארק. קאנגראטולאציעס און א דאנק אייך פאר יעדער וואס האט אריינגעלייגט יארן שווערע ארבעט צו מאכן דעם פראיעקט מעגליך.״

אין דעצעמבער, האט גאווערנער האוקול [אנאנסירט](https://) אז דער פארט אויטאריטעט׳ס באָורד פון קאמיסיאנערן האבן באשטעטיגט אן אפמאך מיט׳ן נייעם ׳טערמינאל איינס׳ קאנסארטיום צו בויען אן ערשטראנקיגן טערמינאל וואס וועט זיין דער הויפט פונקט אויפ׳ן דרום זייט פון דזשעי-עף-קעי עירפארט. פאריגע וואך, האט דער פארט אויטאריטעט׳ס באָורד געשטימט צו באוויליגן א נייע הויפט אינוועסטירער אין דעם פראיעקט. פעראוויאל, אן אלוועלטליכר עירפארט אפערירער מיט ערפארונג אין בויען ערשטראנקיגע טערמינאלן, וועט שאפן פאר זיך 96 פראצענט פון די ׳קאַרלייל גלאָבאַלע

אינפראַסטרוקטור פאָנד׳ 51-פראצענטיגע פארמאגערשאפט אין דעם נייעם ׳טערמינאל איינס׳, וועלכס איז דער קאנסארטיום וואס איז אויסגעוועלט געווארן צו פלאנירן, בויען און אפערירן דעם סטעיט-אָוו-דע-אַרט טערמינאל.

די אויסמעלדונג אז דער נייער ׳טערמינאל איינס׳ וועט אנהייבן קאנסטרוקציע דעם זומער קומט בלויז 10 טעג נאך גאווערנער האוקול, די פארט אויטאריטעט און ׳דעלטא עירליינס׳ האבן געפייערט די עפענונג פון א נייעם ׳טערמינאל C׳ ביי ׳לאגווארדיע עירפארט׳, אנצייכענעדיג די באדייטנדע פארענדיגונג פון א גענצליך נייע ׳לאגווארדיע׳.

**פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר ריק קאטאן האט געזאגט,** ״די היינטיגע פינאנציעל שליסונג אויף דער ערשטער פאזע פון דעם נייעם טערמינאל איינס פראיעקט ביי ׳דזשעי-עף-קעי עירפארט׳ איז א היסטארישע מאמענט אויף וואס מען גרייט זיך שוין פינף יאר. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן אינאיינעם מיט ׳פעראוויאל׳, JLC אינפראסטרוקטור גרופע, ׳אוליקא׳ און ׳קארלייל׳ צו בויען און וועלט-בארימטן, ערשטראנקיגן טערמינאל וועט זיין דער ערשטער אינטערנאציאנאלער טערמינאל ביי ׳דזשעי-עף-קעי׳ און וועמענס איבער 9 ביליאן דאלערדיגער אינוועסטירונג וועט העלפן טרייבן דער ראיאן׳ס ערהוילונג. מיר ווילן דאנקען ניו יארק גאווערנער קעטי האוקול, יו-עס סענאט מאיאריטעט פירער טשאָק שומער, דעפּיוּטי סעקרעטאר פאלי טראטענבערג פון די יו-עס דעפארטמענט פון טראנספארטאציע, יו-עס קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס, קווינס בארא פרעזידענט דאנאוואן ריטשערדס, און די פירערשאפט און שטאב פון דער פעדעראלער אוויאציע אדמיניסטראציע אין וואשינגטאן, אין ראיאן 2, און ביים ׳דזשעי-עף-קעי עירפארט׳. אן זייער שטיצע וואלט דאס ברענגען דעם וויכטיגן פראיעקט היינט צו א פינאנציעלע שליסונג נישט מעגליך געווען.״

**פארט אויטאריטעט פארזיצער קעווין או׳טול האט געזאגט,** ״מיט א נייע ׳לאגווארדיע עירפארט׳ נאנט צום פערטיגן און א נייע ׳טערמינאל A׳ ביי ׳נואווארק ליבערטי עירפארט׳ נאנט צום פארענדיגונג, איז דער היינטיגער מעלדונג איבער ווייטער גיין מיט א נייעם ׳טערמינאל איינס׳ ביי ׳דזשעי-עף-קעי׳ נאך א באווייז אויף די פארט אויטאריטעט׳ס אנטשלאסנקייט צו שאפן וועלט-בארימטע עירפארטס פאר אונזער ראיאן. די פרעצעדענטלאזע שטאפל פון אינוועסטירונג דורך אונזערע פריוואטע צוזאמארבעטער איז א שטימע פון קאנפידענץ אין דעם צוקונפט פון אונזער ראיאן און אונזער מעגליכקייט אנצונעמען און פארענדיגן אויסערגעוועגטליכע פראיעקטן וועלכע וועלן דינען אלס אן אינספיראציע פאר פילע קומענדיגע דורות.״

די ניי ׳דזשעי-עף-קעי׳ ׳טערמינאל איינס׳ וועט געבויט ווערן אויף ערטער איצט אקופירט דורך ׳טערמינאל 1׳, ׳טערמינאל 2׳, און דעם געוועזענעם ׳טערמינאל 3׳, וואו עס וועט זיין דער צענטראלער פונקט אויף ׳דזשעי-עף-קעי׳ דרום זייט. מיט 2.4 מיליאן סקווער פיס, וועט זיין דער גרעסטער טערמינאל ביי ׳דזשעי-עף-קעי׳ ביים פערטיגן — באלד די זעלבע גרויסקייט ווי די צווי נייע ׳לאגווארדיע עירפארט׳ טערמינאלן אינאיינעם. קאנסטרוקציע אויף דעם נייעם טערמינאל וועט פארקומען אין פאזעס. די ערשטע פאזע, אריינגערעכנט די נייע אנקומער און ארויספארער זאלן און די ערשטע נייע געיטס זענען ערווארטעט זיך צו עפענען אין 2026.

נאכ׳ן פארענדיגן אלע דריי פאזעס אין 2030, וועט דער נייער ׳טערמינאל איינס׳ האבן 23 נייע געיטס, ווי אויך ליכטיגע און לופטיגע טשעק-אין און אנקום זאלן געאייגנט צו פארשטערקערן די קאסטומער דורכלעבעניש און זיך פארמעסטן מיט עטליכע פון די העכסט-ראנקירטע עירפארט טערמינאלן אין דער וועלט. קאסטומערס וועלן געניסן פון ערשטראנקיגע, ניו יארק-אינספירירטע דיינינג און ריטעיל באקוועמליכקייטן, ווי אויך פלאץ פאר לאונדזשעס, אן אינעווייניגע גרין ארט און פאמיליע-צוגעפאסטע באקוועמליכקייטן. דער נייער טערמינאל איינס וועט איינקערפערן די לעצטע פארשריטן אין סיי שטאנדהאפטיגקייט און סיי סעקיוריטי און וועלן זיין איינגעגאסן מיט אייגנארטיגע ניו יארקער טעם.

**לוק בוגעדזשא, הויפט עקזעקיוטיוו באאמטער פון ׳פעראוויאל עירפארטס׳ האט געזאגט,** ״עס איז אונז א כבוד זיך אנצושליסן מיט דער פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי, JLC אינפראסטרוקטור, ׳אוליקא׳, און ׳קארלייל׳ צו ברענגען א וועלט-בארימטע עירפארט טערמינאל צו דער ווירקליכליכקייט ביי ׳דזשאן עף. קענעדי עירפארט׳. דער טראנספארמירנדער פראיעקט וועט דערפרייען רייזנדע און ליפערן די געצילטע בענעפיטן צו דער קאמיוניטי פון איינע פון די וועלט׳ס מערסט-פאפולערע און וויכטיגע דעסטינאציעס און אינטערנאציאנאלע אריינגאנגס פונקטן צו און פון די פאראייניגטע שטאטן.״

**דר. דזשעראַרד פי. בושעל, פרעזידענט און הויפט עקזעקיוטיוו באאמטער פון דעם נייעם ׳טערמינאל איינס׳ האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט אויפצונעמען ׳פעראוויאל׳ צו דעם נייעם ׳טערמינאל איינס׳ קאנסארטיום אלס דער הויפט ספאנסירער. ׳פעראוויאל׳ איז א קריטיש-וויכטיגע צוזאמארבעטער וועלכע ברענגט קענטעניס און ערפארונג אלס א וועלט-בארימטער עירפארט דעוועלאפער און אפערירער וואס וועט פירן אויף ווייטער די פעאיגקייטן פון דעם פראיעקט אזוי ווי עס פארברייטערט דעם באגריף אויף וואס איז מעגליך ווען עס קומט צו דער ווירקונג פון אינפראסטרוקטור פראיעקטן. פון MWBE ביזנעסער אנטיילנעמונג ביז ארטיגע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צו שטאנדהאפטיגע פארשטערקערונגען, וועט דער נייער ׳טערמינאל איינס׳ פראיעקט האבן ברייטערע ווירקונגען פאר פילע קומענדיגע דורות.״

דעם נייע ׳טערמינאל איינס׳ בויט אויף די מאמענטום פון די אנדערע דריי הויפט שטאנדטיילן פון דער עירפארט׳ס טראנספארמאציע. דער 3.9 ביליאן דאלערדיגע דעוועלאפמענט פון א סטעיט-אָוו-דע-אַרט נייע ׳טערמינאל 6׳, געבויט צו ווערן דורך ׳דזשעי-עף-קעי מילעניום פאַרטנערס׳, אויפ׳ן עירפארט׳ס צפון זייט וואס וועט גלאטערהייט זיך באהעפטן מיט די עקזיסטירנדע ׳דזשעט-בלו׳ ׳טערמינאל 5׳ און איז באוויליגט געווארן דורך דער פארט אויטאריטעט באָורד פון קאמיסיאנערן אין אוגוסט, און איז ערווארטעט אנצוהויבן קאנסטרוקציע ביז׳ן ענדע פון דעם יאר. דער 1.5 ביליאן דאלערדיגע פארברייטערונג פון ׳טערמינאל 4׳, אנגעפירט דורך ׳דעלטא׳ און ׳דזשעי-עף-קעי אינטערנאציאנאלע עיר טערמינאל׳, איז באשטעטיגט געווארן אין פרילינג און קאנסטרוקציע איז שוין איצט אונטערוועגנס. אין צוגאב האט זיך אנגעהויבן ארבעט אין דעצעמבער 2019 אויף דער 425 מיליאן דאלערדיגער פארברייטערונג פון ׳דזשעי-עף-קעי׳ ׳טערמינאל 8׳, אנגעפירט דורך ׳אמעריקען עירליינס׳, וועלכע אפערירט דעם טערמינאל, און ׳בריטיש עירוועיס׳, וועלכס וועט זיך אריבערציען צו ׳טערמינאל 8׳ פון ׳טערמינאל 7׳, וועלכס וועט אראפגעווארפן ווערן כדי צו מאכן פלאץ פאר דעם נייעם ׳טערמינאל 6׳.

אלץ אינאיינעם, פארטרעט דער פראיעקט אן 18 ביליאן דאלערדיגער טראנספארמאציע פון ׳דזשעי-עף-קעי אינטערנעשענעל׳ און אן אויסגעצייכנטן פובליק-פריוואטע צוזאמארבעטשאפט. דער פארט אויטאריטעט קאפיטאל אינוועסטירונג פון 2.9 ביליאן דאלער ניצט אויס פריוואטע אינוועסטירונג אויף א ראטע פון איבער פינף-צו-איינס ווען מען רעכנט אריין די פולע פריוואטע אינוועסטירונג פון איבער 15 ביליאן דאלער וואס איז פארשפראכן געווארן צו די פיר פראיעקטן אין וועלכע עס באשטייט דער פולער ׳דזשעי-עף-קעי׳ איבערבוי פראגראם.

בויען דעם נייעם ׳טערמינאל איינס׳ וועט שאפן לכל הפחות 10,000 דזשאָבס, אריינגערעכנט 6,000 קאנסטרוקציע דזשאָבס. ׳פעראוויאל׳ און אירע צוזאמארבעטער ביי דעם ׳טערמינאל איינס׳ זענען אויך אנטשלאסן צו גרייכן דער פארט אויטאריטעט ציל פון 30 פראצענטיגע אנטיילנעמונג דורך מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעסער און א שטארקע פאקוס אויף איבערבויען ארטיגע ביזנעסער.

׳פעראוויאל׳ איז געווען א טייל פון די אוויאציע אינדוסטריע זינט 1998 און האט איבער 20 יאר ערפארונג אין אינוועסטירן, אויסארבעטן און אפערירן 33 עירפארטס איבער דער גארער וועלט, אריינגערעכנט די פאראייניגטע שטאטן, אוסטראליע און טשילע. עס האט צו דער איצטיגער צייט פיר עירפארטס אין די ׳יונייטעד קינגדאָם׳. מיט א 25 פראצענטיגע פארמאגערשאפט אין ׳היטראו עירפארט׳, איז עס דער לופטפעלד׳ס הויפט שעירהאָלדער און אינדוסטריעלע צוזאמארבעטער, און עס באזיצט 50 פראצענט פון

גלאסגאו, אבערדין, און סאָוטעמפטאן לופטפעלדער. עס איז אויך אין דעם פראצעס פון שליסן דאס איינקויפן 60 פראצענט פון ׳דאלאמאן אינטערנאציאנאלע עירפארט׳ אין טערקיי פון דער YDA גרופע.

׳פערראוויאל׳ האט א טיפע פארשטאנד פון די אוויאציע און רייזע סעגמענטן און שטארקע אויפגעוויזענע ערפארונג פון בויען פראדוקטיווע באציאונגען מיט צוזאמארבעטער, ארטיגע פירער און דער קאמיוניטי. ׳פערראוויאל׳ וועט דערגאנצען און צולייגן צו די באאיינדרוקספולע ארבעט וואס ווערט געמאכט דורך NTO און דער פארט אויטאריטעט ביז היינט. די קאמפאני איז געווען א טייל פון די אוויאציע אינדוסטריע זינט 1998 און האט איבער 20 יאר ערפארונג אין אינוועסטירן, אנטוויקלען און אפערירן 33 עירפארטס איבער דער גארער וועלט, אריינגערעכנט די פאראייניגטע שטאטן, אייראפע, ענגלאנד, אוסטראליע און טשילע.

׳פערראוויאל׳ האט צו דער איצטיגער צייט פיר עירפארטס אין דעם ענגלישן קעניגרייך. מיט א 25 פראצענטיגע פארמאגערשאפט אין ׳היעטראו עירפארט׳, איז עס דער לופטפעלד׳ס הויפט שעירהאָלדער און אינדוסטריעלע צוזאמארבעטער, און עס באזיצט 50 פראצענט פון גלאסגאו, אבערדין, און סאָוטעמפטאן לופטפעלדער. אין 2020 האט ׳פערראוויאל עירפארטס׳ אויפגעשטעלט דעם ׳פערראוויאל ווערטיפארטס׳ ביזנעס, מיט׳ן ציל צו אויספלאנירן, בויען און אפערירן די אינפראסטרוקטור געפאדערט פאר די אפעראציעס פון eVTOL (עלעקטרישע ווערטיקאלע טעיק-אָף און לענדינג) פליגערן. ׳פערראוויאל עירפארטס׳ איז אויך אין דעם פראצעס פון שליסן דאס איינקויפן 60 פראצענט פון ׳דאלאמאן אינטערנאציאנאלע עירפארט׳ אין טערקיי פון דער YDA גרופע.

**איבערבויען דזשי. עף. קעי. עירפארט שטימט מיט די אינטערעסן פון דער ארטיגער קאמיוניטי**
אין 2018, איז געפארעמט געווארן דער דזשעי-עף-קעי איבערבוי קאמיוניטי בעראטונגס קאונסיל. אירע קא-פארזיצער זענען יו-עס קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס און קווינס בארא פרעזידענט דאנאוון ריטשערד, און עס באשטייט פון ערוועלטע באאמטע, קאמיוניטי באורדס, ביזנעס און נאנפראפיט ארגאניזאציעס, בירגערליכע ארגאניזאציעס, און קלעריקער פון די געצילטע ארטיגע קאמיוניטיס פון סאָוט-איסט קווינס, סאָוט-וועסט קווינס, די ראקעוועיס, און מערב טיילן פון נעסאוי קאונטי.

זינט איר אויפקום, ארבעט דער קאונסיל מיט דער פארט אויטאריטעט אויף צו פארברייטערן קאמיוניטי ארויס-גרייך באמיאונגען און צו שאפן קאמיוניטי-פאקוסירטע פראגראמען, פארזיכערנדיג אז דער אמביציעזער פראיעקט ברענגט ארויס אנגייענדע מיינונגען פון ארטיגע אינטערעסן און גיבט באדייטפולע געלעגנהייטן פאר ארטיגע ביזנעסער, MWBE פירמעס, סטודענטן, און דזשאב זוכער.

דאס רעכנט אריין פראגראמען צו פאראויס-פירן דעם פארט אויטאריטעט׳ס אנטשלאסנקייט צו א 30-פראצענטיגע MWBE קאנטראקטירונג ציל אין אלע ארבעט קאטעגאריעס, און א ספעציעלער פאקוס אויף געלעגנהייטן פאר ארטיגע ביזנעסער לענגאויס אלע הינזיכטן פון דעם דזשעי-עף-קעי ווידער-אנטוויקלונג פראגראם, אריינגערעכנט דעם טערמינאל פראיעקט, וועלכס וועט געבויט ווערן דורך יוניאן לעיבאר אונטער א פולן פראיעקט-לעיבאר אפמאך. אנדערע קאמיוניטי אנטוויקלונג איניציאטיוון פריאריזירט דורך דעם קאונסיל קאנצענטרירן זיך אויף דזשאב געלעגנהייטן און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען פאר ארטיגע איינוואוינער, קלענערע ביזנעס אויסזוך באמיאונגען און אנטוויקלונג, און בילדונגס פראגראמען פאר ארטיגע סטודענטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418